LIVING TORAH

# פרשת ואתחנן

## בס"ד. התוועדות כ"ף מנחם-אב ה'תשמ"ה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אין די ענינים וואס א איד דארף זיך משתדל זיין, פועל זיין אויף אלע וואס געפינען זיך ארום אים אפילו אויך ניט-אידן – בנוגע צו שבע מצוות בני-נח – איז דאס אויך כולל בזה, אז ער דארף אויף זיי אוינווירקן, אז זיי זאלן וויסן זיין, אז נוסף וואס "יש מנהיג לבירה זו", איז דער מנהיג – אן עצם הטוב ומטבע הטוב להיטיב, במילא איז ער שולל די ענינים בלתי-רצויים,

די גאולה האמיתית והשלימה פון אידן איז דאך אויך פארבונדן מיט "לתקן עולם במלכות ש-ד-י", אז די גאנצע וועלט זאל נשתנה ווערן אין א מעמד ומצב אז עס וועט זיין "והיתה להוי' המלוכה " –

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז מ'דארף טאן, כל אחד התלוי בו, אויף מקרב זיין דעם מעמד ומצב העולם צו זיין א כלי מוכשר אז מ'זאל זען "לעבדו כולם שכם אחד, והיתה להוי' המלוכה".

וואס דאס איז געזאגט געווארן בנוגע צו יעדערן וואס האט א משא-ומתן און א קשר מיט בני-נח בעניני פרנסה וכיו"ב,

איז דאך כמדובר כמ"פ דער דין שו"ע, אז "כל מעשיך יהיו לשם שמים" ו"בכל דרכיך דעהו, - איז מען מרגיש, אז דאס איז "דרכיך, דאס איז זיינע דרכים, אדער "מעשיך", זיינע מעשים – עניני רשות; אויף וואס דארף ער זיי נוצן – דארף ער זיי נוצן אויף "לשם שמים", און ער דארף זיי נוצן אויף "דעהו" – אז עס זאל צוקומען אין דעת הוי'.

איז אע"פ וואס אים ווייזט זיך אויס, אז זיין קשר מיט די בני-נח איז, דערפאר וואס דורך זיי דארף ער באקומען פרנסתו ופרנסת בני-ביתו –

דארף ער אין דערויף אויסנוצן, און אדרבא, דאס דארף ווערן ביי אים דער עיקר, אז דאס זאל זיין "לשם שמים" ו"דעהו"; אויסנוצן דאס אויף מדריך זיין און אריינפלאנצן בא די בני-נח מיט וועלכע ער קומט בקשר, אז זיי זאלן וויסן זיין, אז זיי דארפן מקיים זיין אט די אלע מצוות מיט אלע זייערע פרטים ופרטי-פרטים כמדובר כמ"פ בארוכה.

און מדובר אויך בארוכה בעבר בכמה התוועדויות, אז עאכו"כ אט די וואס האבן א קשר מיט בני-נח וואס זיי זיינען משפיע, זיי פירן-אן מיט כמה בני-נח שמסביבם, אדער פירן-אן מיט א גאנצער שכונה אדער מיט א גאנצער שטאט אדער מיט א גאנצער מדינה, סטייט וכיו"ב – איז דאך זייער שליחות און זייער אחריות גדולה פי כמה.

און אע"פ וואס דאס איז לכאורה אן אחריות הכי גדולה: פועל זיין, נוסף וואס ער דארף פועל זיין בא זיך ער זאל זיין א איד (השלם בכל עניניו) – דארף ער אויך פועל זיין, אז די בני-נח שבסביבו, און די גאנצע שטאט אדער די גאנצע מלוכה זאל אויך שטיין בשלימות האפשריות –

איז וויבאלד אז מ'האט די הבטחה, אז "אינו מבקש אלא לפי כחו",

וואס דאס איז מובן אויך בפשטות, אז זיכער וועט דאך דער אויבערשטער ניט ארויפלייגן א שליחות און א תפקיד אויף א מענטשן אדער אויף אן ענין – אויב ער גיט אים ניט פריער די כחות ער זאל דאס קענען דורכפירן, און קענען דורכפירן בשלימות.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ואתחנן

דערביי דארף ער דאס אבע טאן אלס א שליחות פון דעם אויבערשטן, און זאגן דעם אפענערהייט, אז ער רעדט מיט אים כדי צו משפיע זיין אז די וועלט זאל ווערן מענטשלעכער, און נאכמערער – די וועלט זאל ווערן געטלעכער, מער כלי לקבלת מלכותו יתי, "והיתה להוי' המלוכה",

און די טענה וואס מ'האט, אז מ'טאר ניט מישן דת מיט עניני הנהגת המדינה – האט שוין דער נשיא פון דער מדינה מבטל געווען די טענה, וואס ער אליין האט מכריז געווען, אז עס מוז גיין צוזאמען,

און דא רעדט זיך ניט וועגן מאכן דערפון א געזעץ ווי אלע געזעצן, נאר מאכן דערפון – פארקערט – א געזעץ איבער אלע געזעצן,

אז פונקט אזוי ווי ער דארף טראכטן וועגן חיים שלו, וואס ביי א אידן איז דאך דאס דורך דערויף וואס ער לעבט ע"פ תורה וואס "היא חיינו", און קיום מצוותי' וואס "וחי' בהם" –

און צום אלעם ערשטן, איידער נאך ער מאכט פון דעם בן-נח שבסביבתו, אז ער ווערט אזא וואס פאלגט אויף אלע חוקי המדינה- איז צום אלעם ערשטן דארף ער פון אים מאכן א לעבעדיקע זאך,

און דער מקור החיים פון יעדער זאך בעולם, אפילו פון בעלי-חיים, אפילו פון צומח און דומם, עאכו"כ – פון מדבר, פון בני-נח, איז דאך, כאמור לעיל, דאס איז אמונה אפילו פון בני-נח, אז מ'איז "יש בורא ובעה"ב לבירה זו".

איז ניט שייך זאגן אין דערויף – אריינגיין דאס אין גדר חוק, ווארום א חוק איז שייך צו זאגן, לאחרי דערויף ווי ס'איז דא א לעבעדיקע זאך, אט דעמולט קען מען אים אנזאגן: הער זיך איין, דו דארפסט מקיים זיין די חוקים;

צום אלעם ערשטן דארף מען אבער זען ער זאל זיין לעבעדיק!



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.